# חינוך געדאנקען

דורך הרב ל.י. גרינבערג

מגן ומושיע

צו פארמיידן און צו העלפן בעניני חינוך • To prevent and to help

פרשת ויקרא

ה' אדר ב' תשע"ד

גליון כ"ג


## קאמפלימענטן וואס ברענגען רעזולטאטן

**די וואך שטייט** אין די סדרה, ויקרא אל משה וידבר ה' אליו מאהל מועד לאמר, דבר אל בני ישראל וכו'. רש"י שטעלט זיך אויף דעם איבריגןווארט "לאמר", און ער דרש'נט עס אז עס קומט צו זאגן אז דער באשעפער האט געהייסן זאגן פאר די אידן מוסר: "צא ואמור להם דברי כיבושין, בשבילכם נידבר עמי". לכאורה איז שווער, וואס איז די דברי כיבושין וואס משה האט דא געזאגט, עס איז דאך נישטא קיין שענערע זאך ווי "בשבילם נידבר עמי"? דער תירוץ איז אז מוסר מיינט נישט דוקא ווען מען נעמט איינעם אפיר און מען גיבט אים א פסק. מען קען אויך זאגן מוסר דורכ'ן אויסלויבן דעם באטרעפנדן. משה רבינו האט געזאגט פאר די אידן, "איר זעט ווי חשוב איר זענט, אז וועגן אייך רעדט דער באשעפער מיט מיר. איר דארפט זיכער מאכן צו אנהאלטן דעם חשיבות!"

פון דעם זעען מיר ווי וויכטיג עס איז צו אויסלויבן א קינד און ארויסברענגען זיין חשיבות, און דוקא אזוי וועט ער זיך אנשטרענגען ארויסצוברענגען זיינע בעסטע כוחות. מען דארף אבער געדענקען נישט צו מגזם זיין מיט די קאמפלימענטן. *ווען איך פלעג מאכן א מסיבה אין די כתה האב איך אייביג געפרעגט די קינדער ווער פון זיי עס קען זינגען, און געווענליך האבן די קינדער מיט גוטע שטימעס אויפגעהויבן די האנט. איין יאר האב איך געהאט איין קינד וואס האט אייביג אויפגעהויבן די האנט, כאטש ער איז געווען ווייט פון זינגען כרחוק מזרח ממערב. איינמאל האב איך אים געגעבן א פרעג איידעלערהייט, "שלמה'לע, דו קענסט טאקע זינגען?"*

*שלמה'לע האט געענטפערט מיט א זיכערד "יא!", צולייגנדיג אז זיין מאמע רימט אייביג אויס זיין כח הנגינה און זי זאגט אים כסדר אז ער וועט אויסוואקסן דער צווייטער יאסעלע ראזענבלאט. ווי עס זעט אויס האט די נאאיווע מאמע פרובירט צו קאמפלימענטירן איר קינד, דערפאר האט זי אזוי שטארק מגזם געווען מיט זיינע "טאלאנטן." אבער למעשה איז דאס א גרויסע חסרון, ווייל צום סוף וועט דאס קינד זיך איבערצייגן אז באמת קען ער נישט זינגען שיין, און ער וועט ווערן אינגאנצן צוקלאפט.* ענליך צו דעם איז דא אמאל וואס א קינד הייבט אן גליטשן ר"ל, און די עלטערן פרובירן צו אויסלויבן דאס קינד פאר יעדן ביסל אידישקייט וואס ער האלט נאך, בשעת זיי ווייסן אז ער טוט עס בלויז "יוצא צו זיין". אויף אזא אופן איז דאס א פאלשער קאמפלימענט און עס ברענגט פארקערטע רעזולטאטן.

אנשטאט דעם דארף מען ארייינגעבן אין די קינדער און זיי ערקלערן זייער אמת'ע חשיבות. **מען זאל זיי זאגן ווי חשוב יעדעס אידיש קינד איז און ווי טייער זיי זענען ביים רבונו של עולם, און אז דערפאר דארפן זיי זיין בעסער ווי א פשוט'ער מענטש.** דער יסוד העבודה פון סלאנים זי"ע האט געטייטשט דעם פסוק: "מוסר ה', בני", ווען מען וויל זאגן מוסר פאר א איד זאל מען אים זאגן, ביסט א קינד פון דעם אויבערשטן, "אל תמאס", פארמיאוס נישט דער "בני", שעץ דעם פאקט אז דו ביסט דעם באשעפער'ס א קינד.

*איך האב זיך אמאל באטייליגט ביי אן אסיפת מחנכים, וואו מען האט ארומגערעדט איבער ווי אזוי מען זאל רעדן צו קינדער זיך אפצוהיטן אין עניני קדושה. הגאון רבי מתתיהו סאלאמאן שליט"א איז אראפגעקומען רעדן, און צווישן זיינע ווערטער האט ער געזאגט, מען זאל אויסלערנען פאר די קינדער, אז אזוי ווי ווען מען טרעפט אויף דער ערד "שמות" פארשטייט יעדעס קינד אז מען דארף עס אויפהייבן און געבן א קוש און לייגן אין א בכבוד'יגע פלאץ, אזוי אויך איז יעדעס קינד א שטיק "שמות", און מען דארף זיין געווארנט נישט צו פאלן. אויב יא, זאל מען זיכער מאכן זיך צו אויפהייבן. אויף דעם אופן גייען די דברי מוסר אריין אין דעם קינדס ביינער.*

איך האב אמאל געהערט פון א קלוגער איד וועלכער האט געפרעגט, מיר זעען אז היינטיגע צייטן לייגט מען אריין אזויפיל כוחות אין די קינדער, מען לערנט אזויפיל מיט זיי, און פונדעסטוועגן וואקסט מען נישט אויס מיט דעם זעלבן תמימות און יראת שמים וואס אונזערע זיידעס אינדערהיים האבן געהאט?"

נאר דער תירוץ איז, האט דער איד געענטפערט, אז אמאל האט מען געלעבט צווישן די גויים, דערפאר האבן די עלטערן כסדר געדארפט ארויסברענגען פאר די קינדער דעם חילוק צווישן דעם איד און דעם גוי און אים מסביר זיין אז ער קען זיך נישט אויפפירן ווי א גוי ח"ו ווייל ער איז א בן מלך און זיין נשמה איז א חלק אלוק ממעל. אבער היינט ווען מיר זענען אזוי אפגעזונדערט פון די גויים – וואס איז טאקע א מעלה פון איין זייט – אבער פון די אנדערע זייט הערט נישט דאס קינד אזויפיל אז ער איז א הייליגע אידישע נשמה וואס דארף זיך אכטונג געבן. אויב מיר וועלן כסדר ארויסברענגען און חזר'ן מיט די קינדער ווי חשוב און טייער מיר זענען און וואספארא זכיה מיר האבן צו זיין א חלק פון דעם עם הנבחר, דאן וועלן די קינדער שפירן א גרעסערע אחריות און זיי וועלן האבן מער חשק זיך צו אויפפירן ערליך.









לעילוי נשמת כ"ק מרן אדמו"ר הרה"ק

הרה"ק רבי נפתלי צבי בן הרה"ק רבי שלמה זצוק"ל

אדמו"ר מבאבוב יצ"ו

נפטר י"ב אדר תשס"ו לפ"ק

זכותו הגדול והקדוש יגן עלינו ועל כל ישראל אמן

נתנדב ע"י ר' שמואל יצחק בן אסתר מלכה


**מנדב צו זיין "חינוך געדאנקען" לעילוי נשמת, לרפואה, לזכות פאר אייער קרובים אדער באקאנטע**

**רופט 718-758-5780 אדער שיקט אן email צו muganemoshia@gmail.com**

צו באקומען "חינוך געדאנקען" דורך email שיקט אן email צו muganemoshia@gmail.com